# „פאַר׳משפּט צו גאונות"

**ביים פּרישן קבר פון הרב יוסף־דוב סאָלאָווייטשיק. – אַ פאַרהערלעכט הויפּט־געשטאַלט אינעם „אידישן אַמעריקע". – עפּעס וועגן זיין אומפאַרגלייכלעכער אויסנעמלעכקייט.**

פון ש. לייכטער

נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט אונדז עמעצער דערציילט אַ מין טשיקאַווע „אַנעקדאָט". ס׳האָט געהייסן, אַז ווען אַ פרישער סאָלאָווייטשיק איז געקומען אויף דער וועלט, האָבן טייל אַרומיקע געשאָקלט די קעפּ מיט באַוואונדערונג און **באַדויער**. זיי האָבן געזאָגט: אָט איז נאָך איינער, וועלכער איז **פאַראורטיילט** צו גאונות – זינט דער ערשטער סעקונדע, ווען ער האָט דערזען די ליכטיקע שיין...

פאַרוואָס עפּעס „באַדויער"? ווייל קלוגע לייט, פון דער טיף־אידישער אַנאָנימקייט, האָבן געדענקט אַ באַשטימטן פּרט, וועלכער איז שוין היינט אַזויווי פאַרגעסן־געוואָרן. דהיינו? אַז **געניאַלקייט** איז נישט בלויז אַ מתנה און פּריווילעגיע, וועלכע זיין ליבער נאָמען האָט צוגעטיילט פאַר ווייניק אויסגעקליבענע. נאָכמער איז דאָס אַ **גרויסער און שווערער יאָך**, וואָס נישט יעדער געבענטשטער איז אים מסוגל אויסצוטראָגן און נישט געשטרויכלט־ווערן (דאָס איז אייגנטלעך אַ געדאַנק, וועלכער וואָרצלט אין אַ תלמודישער אגדה).

וויבאַלד אַזוי, איז געווען קלאָר: ווען אַ קינד ווערט געבוירן און גלייך פון וויגל אָן איז באַשטימט, אַז עס מוז אויסוואַקסן אַ גאון, דאַרף מען דערויף „רחמנות־האָבן". ס׳איז גלייך אַזויווי מ׳וואָלט עס דערמיט אָנגעהאָנגען אַ מילשטיין אויפן האַלז...

אויב דאָס איז טאַקע אמת, אָדער בלויז אַ „פאַרליבטע" אויסטראַכטעניש, מעג געזאָגט־ווערן: די משפחה סאָלאָווייטשיק איז אַזויווי געבוירן־געוואָרן צום „פּראָדוצירן" גרויסקייט דורות נאָכאַנאַנד. ס׳האָט אפילו נישט קיין זין צו גריבלען זיך אין דער פראַגע ווער און וואו ס׳האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ „פּסק־דין".

ס׳זיינען שוין אַוודאי פאַראַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיעס וועגן די **פאַרשידענע** סאָלאָווייטשיקס, וועלכע האָבן אויפגעלויכטן איבערן אידישן לעבן אין די לעצטע 150 יאָר. טאָמער נישט, **וועט** זי נאָך מסתמא געשריבן ווערן. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר בלויז דערמאָנען, אַז איין סאָלאָווייטשיק איז געווען אַ מיניסטער אין דער ליטווישער רעגירונג צווישן ביידע וועלט־מלחמות. ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע אין דייטש. אין ישראל האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תנ״ך־פאָרשונג. אַ צווייטער סאָלאָווייטשיק איז געווען אַ באַרימטער כירורג אין פּוילן און חולאים האָבן צו אים געצויגן פון דער גאָרער וועלט.

אָבער דאָ וועלן מיר זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם תורה׳דיקן טייל פון דער משפּחה. שוין דער ערשטער ר׳ יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק – דער עלטער־זיידע פונעם איצטיקן נפטר – איז געווען פון די סאַמע־גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער „אַמאָליקער" וועלט פון לומדות; פריער ווי דער ראש הישיבה פון וואָלאָזשין און שפּעטער ווי סלוצקער רב. ער איז אַוועק פון דער וועלט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק.

דער זון פון ר׳ יאָשע־בערן איז שוין געבוירן געוואָרן, ווען דער פאָטער איז געווען דער רב פון בריסק. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט גענויע 140 יאָר צוריק; און נאָך גאָר יונג אויסגעקלונגען געוואָרן מיט זיין באַזונדערן לערן־סיסטעם. „ר׳ חיים בריסקער" איז געווען (און פאַרבליבן) אַ לעגענדאַרישער נאָמען ביי פרום און ביי פריי. אויך זיינע צוויי זין זיינען געווען פאַרהערלעכטע רבנים און ראשי־ישיבה. ר׳ וועלוועלע האָט איבערגענומען די בריסקער רבנות־שטול פונעם פאָטער. דאַקעגן ר׳ משה האָט אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דאָ אויפגעשטעלט אַ דור פון לומדים.

אָבער דאָס אַלץ איז וואויל־באַקאַנטע כראָניק, וועלכע קאָן געשילדערט ווערן מיט מער באַהאַוונטקייט פון אַנדערע. דאָ ווילט זיך בלויז עפּעס זאָגן וועגן דעם זון פון ר׳ משה סאָלאָווייטשיק, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין באָסטאָן מיט אַרום זעכציק יאָר צוריק. „דער צווייטער ר׳ יוסף־בער", אַ געבוירענער אין פּוילן, האָט אַביסל „אָפּגענויגט" פון זיינע עלטערנס דרך; הגם קיינער האָט חלילה נישט געהאַט קיין ספק אין זיינע הלכה־קענטשאַפטן, אָדער פרומקייט.

הרב יוסף־דוב סאָלאָווייטשיק איז – אין זיינע פרי־רייפע יאָרן – אַוועק קיין בערלין, בכדי צו שטודירן **וועלטלעכע** לימודים. דערמיט איז ער געווען אַן אויסנאַם אין זיין רבנישער משפּחה. בעת זיין אָנקומען קיין אַמעריקע איז זיין געשטאַלט געווען גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג; שוין בלויז דערמיט וואָס עד איז דאָ געווען (אַזוי דוכט זיך) דער סאַמע־ערשטער, וועלכער האָט געטראָגן ביידע קרוינען – פון רבנישן וויסן און געניטשאַפט אין „דרויסנדיקער" געלערנטשאַפט – אין אומגעוויינטלעכער האַרמאָניע. איינע האָט נישט געשטערט דער צווייטער אפילו אויף אַ האָר.

ר׳ יוסף־דוב איז דאָ געוואָרן „דער רבי פון רבנים" במשך פון צענדליקער יאָרן; ווייל טויזנטער פון זיי האָבן „געשעפּט תורה און חכמה פון זיין מויל". דערנאָך האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע און אַנדערע לענדער. שוין דערמיט אַליין האָט ער געלייגט גאָר אַ קאָנטיקן (און אייגנאַרטיקן) סטעמפּל אויפן „מאָדערנעם" טייל פון דער היגער אָרטאָדאָקסיע.

אָבער אויך **דאָס** געהערט שוין צו דער וואויל־באַקאַנטער „כראָנאָלאָגיע" וועגן אים; און דאָ זיינען מיר דערווייל בלויז אויסן עטלעכע שטריכן פון זיין אויסנעמלעך געשטאַלט. ער האָט זייער גוט געוואוסט ווי ווייט (מילד געזאָגט) זיינע צוויי גאונישע פעטערס – ר׳ וועלוועלע אין ירושלים און ר׳ משה פיינשטיין אין ניו־יאָרק – זיינען פונעם אָרגאַניזירטן ציוניזם. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט – ווי אַן **איש־אמת** – צו אידענטיפיצירן זיך מיטן **רעליגיעזן ציוניזם**; הגם ער איז געבליבן ווייט פון יענער איינגעקלאַמערטער **פאַרטייאישקייט**, וואָס אַזוינס האָט אָפט פאַרלאַנגט.

ער האָט אויך נישט אויסבאַהאַלטן זיין גרויסע ליבשאַפט און זאָרג פאַר מדינת ישראל און אירע שפּיצן; כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוריקגעהאַלטן פון אויסדריקן קריטישע מיינונגען – אויף זיין איידל־טאַקטישן שטייגער – ווען ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר נויטיק. אויך זיין ליבשאַפט צו מדינת ישראל האָט ער דעמאָנסטרירט מיט דער גאַנצער אָפנקייט; הגם דאָס איז אַוודאי נישט געווען צום האַרץ זיין באַליבטן פעטער ר׳ וועלוועלע, וועמען

איז אַוודאי נישט געווען צום האַרץ זיין באַליבטן פעטער ר׳ וועלוועלע, ווען ער האָט געווידמעט איינס פון די זעלטענע ספרים, וואָס ער אַליין האָט געשריבן.

און נאָך עפּעס: ווי אַ „מאַן פון אמת" און אויסמיידער פון מאַסקעראַדן, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרבאָרגן נאָך איינע פון זיינע ליבשאַפטן אין אַרבל. מען האָט זיך אַ סך דערציילט וועגן „דעם רבס" זעלטענער באַהאַוונטקייט אין פאַרשידענע קולטורן; איינגעשלאָסן די וועלט־ליטעראַטור. ס׳איז אָבער כמעט ווי גאָרנישט דערציילט געוואָרן וועגן

(שלוס אויף זייט 23)

## „פאַר׳משפּט צו גאונות"

פון ש. לייכטער

(שלוס פון זייט 4)

זיין גרויסן אינטערעס אין דער **ניי־אידישער און העברעאישער ליטעראַטור.**

לויט אונזער ביסל אָרים וויסן זיינען אויך געווען אַ צאָל אַנדערע רבנים – און אפילו חסידישע רביים – וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ „אינטערעס". אָבער דאָס איז פאַרבליבן אין זייערע אינטימע פאַרבאָרגענישן. ר׳ יוסף־דוב איז אָבער געווען „אַנדערש" אויך אויף דעם געביט. מעגלעך, אַז ער איז געווען **דער איינציקער** אין דער פרום־לומדישער וועלט, וועלכער האָט זיך „נישט אָפּגעשראָקן" אַריינצופלעכטן אין זיינס אַ שיעור אַ ליד פון חיים־נחמן ביאַליק; אָדער גאָר אַ געדאַנק פון יצחק־לייבוש פרץ...

און טאַקע וועגן אָט־דער אייגנאַרטיקייט וועט נאָך כדאי־זיין צו דערציילן באַזונדער; פונקט ווי וועגן זיין נאַטירלעכער ליבשאַפט צו אידיש. ☐